ב״ה

# טעראפי

- ענקזייעטי
- דיפרעסיע
- פאביעס
- עדיקשאנס
- או.סי.די.
- פאניק אטאקעס
- סעלף קאנפידענס
- א.ד.ג.

גליון 21

געקליבענע בריוון פון ספר עצתו אמונה - ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב - בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

## וואס טו איך אז מיין ווייב וויל נאר היילן נאטורליך?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*איך האב א זאך וואס שטערט מיר זייער שטארק, איך ווייס נישט צי איך בין גערעכט אדער נישט.*

*מיין ווייב און אויך איר מאמע האלטן זייער פון גיין נאטורליך מיט יעדע זאך, זיי טענה'ן אז די דאקטורים קוקן נאר אויף געלט, און מ'קען יעדע זאך היילן נאטורליך. אמאל האב איך נאך מסכים געווען דערצו, אבער ס'איז געקומען צו א שטאפל וואס איך האלט עס שוין מער נישט אויס, למשל ווען מ'האט שטארקע יסורים טאר מען נישט נעמען טיילענאל אדער אנדערע זאכן וואס בארואיגן. איך האב אינדערהיים א גאנצע שאפע מיט נאטירליכע וויטאמינען, און מען עסט מער וויטאמינען ווי עסן.*

*מיין שווער האלט אויס די גאנצע וויטאמין געשעפט... און מיין ווייב מאכט עס שוין כמעט נאך. איך פיל ווי איך ווער משוגע. א גרויסן יישר כח פאר'ן נעמען די צייט צו ענטפערן.*

### תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת משפטים, י"ט שבט, שנת תשע"ח
לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מען דארף זיך זייער היטן פון די אלע וואס רעדן קעגן גיין צו דאקטורים; אמת טאקע אז דער הייליגער רבי האט געזאגט מען זאל זייער אכטונג געבן פון גיין צו דאקטורים (שיחות הר"ן, סימן נ) אבער פון די אנדערע זייט האט דער רבי געזאגט: "אז מען גייט שוין יא צום דאקטער זאל מען גיין צו גאר א גרויסן דאקטער"; דאס הייסט, מען זאל נישט גיין צו א דאקטער וואס לערענט זיך יעצט וכו', נאר צו א דאקטער וואס האט שוין לאנגע יארן עקספירענס.

### מיר קענען נישט זיין קלוגער פון די תורה

מען דארף זייער אכטונג געבן פון די אלע וואס זאגן מען זאל נישט גיין צו קיין דאקטורים. מיר קענען נישט זיין קלוגער פון די תורה; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות ס.): אויפן פסוק (שמות כא, יט): "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" – מִכַּאן שֶׁנִּתְּנָה הַתּוֹרָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת; נאך זאגן חז"ל (סנהדרין יז:): "עִיר שֶׁאֵין בּוֹ רוֹפֵא, אֵין תַּלְמוּד חָכָם רַשַּׁאי לָדוּר בְּתוֹכָהּ", מען טאר נישט וואוינען אין א שטאט וואו עס איז נישט דא קיין דאקטער.

### מ'דארף געבן שאטס פאר קינדער

דער רבי האט קלאר געזאגט אז מען איז מחויב צו געבן שאטס פאר די קינדער; דער רבי האט געזאגט: "ווער עס געבט נישט קיין פאקין פאר די קליינע קינדער ביי א פערטל יאר, איז א רוצח", נאך האט דער רבי געזאגט: "מען מעג גיין אפילו אינמיטן ווינטער אין די גרויסע שנייען און קעלט צו א דאקטער צו מאכן פאקין (שאטס) פאר די קינדער", דאס זענען די שאטס וואס מען געבט היינטיגע צייטן פאר קינדער קעגן אלע ערליי מחלות, אויף מיזעלס, פאליאו וכו'; ווער עס געבט נישט פאר די קינדער וואקסינען קעגן אלע סארט מחלות - איז א רוצח. קוק אריין דעם לשון פון רבי'ן (ספר אבניה ברזל, סימן לד): "צְרִיכִין לְהַעֲמִיד לְכָל יֶלֶד פַּאקִין קוֹדֶם רֶבַע שָׁנָה, וְאִם לֹא - הוּא כְּמוֹ שׁוֹפֵךְ דָּמִים, וַאֲפִילוּ אִם דָּרִים הַרְחֵק מִן הָעִיר מְחוּיָּבִים לִיסַּע עֲבוּר זֶה וַאֲפִילוּ בִּזְמַן שֶׁהַקּוֹר גָּדוֹל, וּלְהַעֲמִיד לְיֶלֶד פַּאקִין קוֹדֶם רֶבַע שָׁנָה".

דאס האט דער רבי געזאגט נאך פאר צוויי הונדערט יאר צוריק, ווען די מעדעצינישע וועלט איז נישט געווען אזוי פארגעשריטן ווי היינט, איז דאך זיכער אז אין די היינטיגע טעג דארף מען זייער אכטונג געבן צו געבן שאטס פאר די קינדער. מיר דארפן פאלגן דעם רבי'ן בתמימות ופשיטות און נישט זיין קיין אויבער חכם.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט וואס ער האט געהערט פון הרב החסיד ר' לוי יצחק בענדער זכרונו לברכה, אז אין אומאן האט געוואוינט א גרויסער ערליכער איד אן איינקל פון רבי'ן, ער איז געווען א משפיע און פלעגט פארלערנען וכו', זיין גאנץ לעבן פלעגט ער רעדן קעגן גיין צו דאקטורים און ווען ער איז עלטער געווארן איז נישט געווען קיין איין דאקטער וואו ער זאל נישט האבן געווען; זעט מען אז מען דארף זייער אכטונג געבן פון זאגן פאר א צווייטן נישט צו גיין צום דאקטער. און אודאי אז מען גייט צום דאקטער דארף מען אכטונג געבן ער זאל נישט זיין קיין דאקטער וואס האלט זיך אינמיטן לערנען נאר א דאקטער מיט אסאך ערפארונג.

### פארן גיין צום דאקטער דארף מען בעטן דעם אייבערשטן און געבן צדקה

ווען מען גייט צום דאקטער דארף מען פאר דעם בעטן דעם אייבערשטן און געבן צדקה, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ג): נאכדעם וואס מען געבט א פדיון פאר א צדיק קען מען גיין צום דאקטער, עיין שם.

מוהרא"ש זאגט אז פאר מען גייט צום דאקטער זאל מען לערנען די תורה (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ג), געבן צדקה און בעטן דעם אייבערשטן ער זאל שיקן א גוטער דאקטער און מען זאל האבן א רפואה שלימה.

ווייז דעם בריוו פאר דיין ווייב, וועט זי אפלאזן די אלע צודרייטע שיטות וואס פארדרייען דעם קאפ.

## ווי אזוי ווייסט מען אויב מ'האט יוצא געווען אדער נישט?

*לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,*

*יישר כח פאר די חיזוק יומי און די שיעורים, דאס איז מיר זייער מחזק.*

*איך בין א בחור אין די יארן, און איך מוטשע זיך זייער אין עבודת ה', איך בין אלעמאל פול מיט ספיקות אויב איך טו ריכטיג אדער נישט, אויב כ'האב יוצא געווען די מצוה ווי עס דארף צו זיין אדער נישט. יעדן טאג האב איך יסורים ווייל איך ווייס נישט אויב די תפלין ליגט מיר אויפ'ן קאפ אויף די ריכטיגע פלאץ, איך האלט אין איין פרעגן אנדערע בחורים אויב די תפלין ליגט מיר גוט אויפ'ן קאפ. ביים דאווענען קען איך אסאך מאל נישט ענדיגן די גאנצע זייענדיג מסופק אויב כ'האב געזאגט ריכטיג יעדעס ווארט. און בכלל ביי יעדע זאך בין איך פול מיט ספיקות, און איך קען נישט מחליט זיין קיינמאל וואס צו טון.*

*איך האף איר וועט מיר קענען געבן אן עצה און חיזוק, צו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן.*

**תשובה מאת הראש ישיבה שליט"א:**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת דברים, ד' מנחם-אב, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר. איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מען דארף זיך זייער היטן פון חכמות, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", די אלע חכמות וואס מען האט ווען מען הייבט אן דינען דעם אייבערשטן - דאס זענען בכלל נישט קיין חכמות, דאס זענען בלויז דמיונות, שטותים און קאפ דרייעניש, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דאס מאכט אז דער מענטש זאל אפלאזן זיין עבודת השם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה", דאס וואס מען טראכט צי מען איז יוצא די מצוה וואס מען טוט - צי נישט; מען איז מדקדק און מען האלט אין איין אריין טראכטן: 'אפשר בין איך נישט יוצא, אפשר בין איך יא יוצא', דאס אלעס ברענגט דערצו אז דער מענטש זאל אלעס אפלאזן רחמנא לצלן.

### די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשן

דער רבי זאגט: "כִּי בָּשָׂר וָדָם אִי אֶפְשָׁר לוֹ שֶׁיֵּצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁלֵמוּת", א מענטש קען נישט יוצא זיין די מצוות פונעם אייבערשטן בשלימות, 'וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא' וְכוּ'", און דער אייבערשטער זוכט נישט א וועג ווי אזוי ער קען אונז כאפן און אויפווייזן אז מיר קענען נישט טון די מצוות, ווייל די תורה איז געגעבן געווארן פאר מענטשן, "וְלֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", און נישט פאר קיין מלאכים, "וְעַל אֵלּוּ הַמְדַקְדְּקִים וּמַחְמִירִים בְּחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת עֲלֵיהֶם נֶאֱמַר: 'וָחַי בָּהֶם, וְלֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם' כִּי אֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת כְּלָל", די אלע וואס זענען פארנומען מיט חכמות און ספיקות זענען אלץ מסופק צי זיי האבן יוצא געווען די מצוה צי נישט - זיי האבן נישט קיין שום חיות, "וְתָמִיד הֵם בְּמָרָה שְׁחֹרָה מֵחֲמַת שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁאֵינָם יוֹצְאִים יְדֵי חוֹבָתָם בְּהַמִּצְווֹת שֶׁעוֹשִׂין, וְאֵין לָהֶם שׁוּם חִיּוּת מִשּׁוּם מִצְוָה מֵחֲמַת הַדִּקְדּוּקִים וְהַמָּרָה שְׁחֹרוֹת שֶׁלָּהֶם", זיי זענען שטענדיג דעפרעסט און לעבן אלץ אין ספיקות, די חומרות ווארפט זיי אריין אין מרה שחורה.

### ווייל דער גרעסטער חכמה איז צו דינען דעם אייבערשטן בפשיטות

ר' נתן זאגט דארט: "וְהוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ מַחְמִיר שׁוּם חֻמְרָא כְּלָל", דער רבי האט נישט געהאט קיין שום חומרות; ווייל דער גרעסטער חכמה איז צו דינען דעם אייבערשטן בפשיטות, אזוי ווי דער רבי זאגט דארט ווייטער: "וּבֶאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת, אֲפִילּוּ מִי שֶׁיּוֹדֵעַ חָכְמוֹת בֶּאֱמֶת, אַחַר כָּל הַחָכְמוֹת צָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ כָּל הַחָכְמוֹת וְלַעֲבֹד אֶת ה' בִּתְמִימוּת בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וְזֶה הִיא הַחָכְמָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבְּכָל הַחָכְמוֹת, לִבְלִי לִהְיוֹת חָכָם כְּלָל כִּי בֶּאֱמֶת אֵין חָכָם בָּעוֹלָם כְּלָל 'וְאֵין חָכְמָה וְאֵין תְּבוּנָה נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ'".

וואויל איז דעם מענטש וואס טוט אן תפילין יעדן טאג און איז זיך מחיה מיט דעם, ער טאנצט זיך אונטער בשעת'ן אנטון די תפילין; ביי מוהרא"ש האט מען געקענט זען ווען ער פלעגט אנטון די תפילין, ווי בשעת ער האט געמאכט די ברכה האט ער זיך אונטער געטאנצן, ממש אזוי ווי איינער וואס האט יעצט געוואונען א ריזן סומע געלט.

דאס זעלבע זאג איך דיר, אנשטאט דו זאלסט זיך אויפעסן צי די תפילין שטייט דיר גראד אויפן קאפ, זע אז דיין קאפ זאל דיר שטיין גראד; טאנץ פאר שמחה אז דו ביסט זוכה אנצוטון תפילין, אזוי אויך ווען דו דאווענסט זאלסטו זיך פרייען אז דו האסט די זכיה צו רעדן צום מלך מלכי המלכים, לאז אפ דיינע מחשבות וואס מאטערן דיך צי דו האסט יא געזאגט גוט די ווערטער צי נישט; דער עיקר טאנץ פאר שמחה אז דו קענסט רעדן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דו זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

**זאל איך זאגן פאר יענעם אז ער האט מיר וויי געטון?**

**איך בין זייער מקנא מיין שוואגער**

*קוקט ארויס אויף די קומענדיגן גליון בעז"ה!*

צו באקומען די גליון וועכענטליך אויף אימעיל, שרייבט צו:
trpy458@gmail.com
-
קול ברסלב 212.444.9191 / בא"י 0797040066